בס"ד

# שטאט באריכט

Tel: 2015408464 Email: shtuttbaricht@gmail.com

פרשת
## מטות-מסעי
כ"ה תמוז תשפ"ו לפ"ק
July 10, '26 למספרם
אויסגאבע #89

כולל שומרי החומות
לייגט אריין אין די פושקע יעדן ער"ש ויו"ט פאר ליכט צינדען
די שטערקסטע סגולה פון אבותינו ורבותינו פאר אלע ישועות והשפעות טובות
718.243.2495

**הדלקת הנרות 8:13** **מוצאי שבת קודש 9:41** פרקי אבת פרק א'

| עלות השחר | נץ החמה | סוף זמן קר"ש | סוזק"ש בעל התניא גר"א | סוף זמן תפילה | סוז"ת בעל התניא גר"א | חצות היום ולילה | מנחה גדולה | מנחה קטנה | שקיעת החמה | רבינו תם |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 4:22 | 5:34 | 8:41 | 9:17 | 10:08 | 10:32 | 1:01 | 1:45 | 6:04 | 8:28 | 9:41 |

### וועטער באריכט

| שב"ק | זונטאג | מאנטאג | דינסטאג | מיטוואך | דאנערשטאג | פרייטאג |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 68°-82° | 67°-85° | 71°-86° | 78°-95° | 74°-96° | 74°-92° | 70°-89° |
| נ.מ. רעגן | מערסטנס זוניג | טיילווייז פארוואלקנט | זוניג | טיילווייז פארוואלקנט | טיילווייז פארוואלקנט | טיילווייז פארוואלקנט |

## שבת מברכים חודש אב - ראש חודש ביום שבת קודש הבעל"ט
המולד: דינסטאג פארנאכטס 30 מינוט און 17 חלקים נאך 7

בעזהשי"ת
## בית המדרש קהל סקווירא
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
99 Grant Avenue, Jersey City NJ 07305

**זמנים לשב"ק פרשת מטות-מסעי הבעל"ט**
**שבת לפני ההילולא קדישא של מרן רבינו זצוקללה"ה**

מנחה עש"ק........8:35
ליל שב"ק........11:30
שחרית שב"ק........10:00
מנחה שב"ק........8:40

הנהלת הקהלה

מנין שחרית שב"ק בשעה 11:30
בביהמ"ד התאחדות אברכים

בס"ד
קהל עדת גרינוויל

## זמנים לימי הקיץ הבעל"ט
**מנחה עש"ק** - 45 מינוט אחר זמן הדלקה"נ
**שחרית שב"ק** - ברכות בשעה 10:30 הודו בשעה 10:45
**פרקי אבות** - בזמן הדלקה"נ
**מנחה שב"ק** - 25 מינוט אחר זמן הדלקה"נ
הנהלת הקהלה

קהל עדת גרינוויל

## לימוד פרקי אבות
ודברי הכנה לקראת זמן הקיץ

באנו בזה להודיע
כשער בת רבים
שיתקיים בכל
שבוע בימי הקיץ

ע"י הרב הגאון **ר' יוסף חיים וייס** שליט"א
מרביץ תורה במוסדותינו הק', ומחשובי מתפללי בית מדרשינו

**שב"ק פרשת מטו"מ הבעל"ט בשעה 8:15**
## בהיכל בית מדרשינו הגדול




בעזהשי"ת
## בית המדרש קהל סקווירא
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
99 Grant Avenue, Jersey City NJ 07305

## תאו והתכנשו להילולא דרבי
סדר ההילולא קדישא של מרן אבינו רועינו
**כבוד קדושת מרן רבינו זצוקללה"ה**
יום א' פרשת דברים כ"ז תמוז הבעל"ט

## סעודת מלוה מלכה
## ביחד עם היארצייט סעודה
**בשעה 11:30**
**בהיכל בית מדרשינו**
בראשות בנו כ"ק מרן רבינו שליט"א
כל הקהל מוזמן לבוא ולהשתתף

עליה לציון ביום א' בשעה 12:00
נוסעים מבית מדרשינו בשעה 12:30

הנהלת הקהלה




# חודש'ליכע נייעס און אנטוויקלונגען פון מוסדות התורה והחינוך דגרינוויל

## הרחיבי מקום אהליך ויריעות משכנותיך יטו אל תחשוכי, "דער נס המהפכה אין גרינוויל: בויען דעם הווה און פלאנעווען דעם עתיד", מוסדות התורה והחינוך גרייט זיך אויף די קומענדיגע פאזע פון הרחבת גבולי הקדושה, איבער $300,000 אינוועסטירט אין דעם נייעם פרי־סקול צענטער, די פלעי־גרופ ווערט פארגרעסערט, מחנה "לב טוב" האט זיך געעפנט מיט א מעכטיגן פראגראם,

בחסדי ה' יתברך איז מען אויך דעם חודש זוכה צו מיטטיילן א רייע הערליכע בשורות פון די כסדר'דיגע התפתחות אין מוסדות התורה והחינוך דגרינוויל. פון דער גרינדונג פון די מוסדות בשנת תשע"ח לפ"ק ביז היינט, איז דער וואוקס געווען העכער אלע ערווארטונגען. מיט יעדן יאר קומען צו נאך משפחות אין אונזער בליענדיגן ישוב, און דערמיט וואקסט אויך די אחריות צו צושטעלן נאך קלאסן, נאך פלאץ און בעסערע תנאים פאר יעדן תלמיד און תלמידה. די הנהלת המוסדות ארבעט מיט א ווייטן בליק אויף דער צוקונפט. נישט בלויז צו באהאנדלען די היינטיגע באדערפענישן, נאר אויך צו זיין גרייט פאר די גרויסע וואוקס וואס מען ערווארטעט אין די קומענדיגע יארן.

**זוכן א נייעם בנין פאר די מיידל־שולע**

צוליב דעם שטארקן וואוקס פון די מיידל־שולע האט די הנהלת המוסדות שוין אנגעהויבן זוכן א נייעם, גרעסערן געביידע פאר די עלעמענטארע קלאסן. דער זוך איז נישט פאר דעם קומענדיגן שנת הלימודים, נאר פאר די יאר דערנאך, כדי מען זאל קענען פלאנירן רואיג און מסודר, און ווייטער צושטעלן דעם הויכן ניווא פון חינוך פאר וועלכן די מוסדות זענען באקאנט. ווער עס ווייסט פון א פאסיגן בנין, אדער האט א געדאנק וואס קען העלפן דעם ענין, ווערט געבעטן זיך פארבינדן מיט די הנהלת המוסדות.

**דער נייעם פרי־סקול - א גרויסער שריט פאראויס**

אין דער זעלבער צייט גייט אן מיט גרויס אינטענסיוויטעט די ארבעט אויפ'ן נייעם פרי־סקול צענטער. במשך די גאנצע זומער ווערן די דורכגעפירט רענאוואציעס, פארבעסערונגען און אלע נויטיגע צוגרייטונגען, כדי די קינדער זאלן קענען אנהייבן דעם נייעם שנת הלימודים אין א שיינעם, זיכערן און באקוועמען ארט. די דער פראיעקט פארלאנגט א ריזיגע פינאנציעלע השקעה. ביז איצט זענען שוין אינוועסטירט געווארן מער ווי דריי הונדערט טויזנט דאלאר, צו בויען און פארשענערן די קלאסן, זיכערהייט־סיסטעמען, שפיל־פלאצן און אלע אנדערע נויטיגע איינריכטונגען. א באזונדערער יישר כח קומט זיך פאר'ן חשוב'ן מענעדזשער הר"ר יצחק זילבערשטיין הי"ו, וועלכער טראגט מיט מסירת נפש דעם גאנצן פראיעקט און פירט יעדן פרט מיט גרויס אחריות. ווי אויך פאר די חשוב'ע פרינציפאל מרת יאקאבאוויטש תחי', וועלכע לייגט אריין אומצאליגע שעות, קאפ און הארץ במשך די גאנצע זומער. פון אויספאקן, ארגאניזירן און מסדר זיין די קלאסן, ביז זיכער מאכן אז יעדער קליינער פרט זאל זיין גרייט אויף די בעסטע אופן פאר די תלמידים און תלמידות.

**די פלעי־גרופ ווערט פארגרעסערט**

איינער פון די גרעסטע שוועריגקייטן און די פארגאנגענהייט איז געווען דער ריזיגער וואוקס אין די פלעי־גרופ. אין די לעצטע חדשים האט די הנהלת המוסדות ארייגעלייגט גרויסע כוחות צו פארגרעסערן דעם פלאץ, כדי אלע קינדער זאלן קענען הנאה האבן פון א רווח'דיגן און צוגעפאסטן ארט. בחסדי ה' איז מען נאך פאר'ן זומער שוין געווען זוכה צו עפענען א נייע קלאס, וואס האט געברענגט א גרויסע לייכטערונג פאר אסאך משפחות. די ארבעט איז אבער נאך נישט פארטיג. במשך די זומער ווערט דער פלאץ באנוצט פאר די שווימעריי־פראגראמען, און די הנהלה פלאנט אויסצונוצן די סוף וואך פון פרשת ואתחנן, ווען עס געפינען זיך נישט קיין פלעי־גרופ קלאסן, צו פארענדיגן די לעצטע ארבעטן. ווען דער פראיעקט וועט זיין פארטיג, וועט דער אפטיילונג קענען באדינען נאך מער קינדער און מער רווח.

**מחנה "לב טוב" - א זומער פון תוכן, שמחה און הצלחה**

א גרויסע התרגשות האט אויך באגלייט די עפענונג פון מחנה "לב טוב", וועלכער האט זיך געעפנט מיט א הערליכן און מעכטיגן אויפטו. די קינדער פארברענגען די זומער־וואכן אין א ווארעמער, חינוכ'דיגער און פרייליכער אטמאספער, אנגעפילט מיט רייכע פראגראמען, תוכן'פולע אקטיוויטעטן און שיינע ערלעבענישן. די גאנצע מחנה ווערט אנגעפירט מיט גרויס מסירת הלב דורכן חשוב'ן מנהל הרב ר' אהרן ברייער שליט"א, וועלכער ארבעט אומדערמידליך אז יעדער טאג זאל זיין דורכגעפלאנט מיט אחריות, סדר און תוכן, און אז יעדעס קינד זאל שפירן די ווארעמקייט און הנאה פון א אמת'דיגן תורה'דיגן זומער. די צופרידנהייט ביי די עלטערן איז גרויס, און מען הערט פון אלע זייטן לויב ווערטער אויף דער ארגאניזאציע, דעם סדר און די רייכע פראגראמען וואס ווערן צוגעשטעלט יעדן איינציגן טאג.

**ממשיכים לבנות - ממשיכים לגדול**

ווען מען קוקט אויף די אלע פראיעקטן אינאיינעם - נייע בנינים, פארגרעסערטע קלאסן, נייערע פראגראמען און די אומדערמידליכע ארבעט פון די הנהלה - זעט מען קלאר ווי דער פסוק "הרחיבי מקום אהלך" ווערט מקוים לעיני כל. מיט סייעתא דשמיא, מיט די איבערגעגעבנקייט פון די הנהלה, איינגעשטעלטע און מחנכים, און מיט דער שטיצע פון אנשי שלומינו, גייט די הרחבת גבולי הקדושה ווייטער אן מיט א שטארקן שוואונג. מיר האפן אז אין די קומענדיגע חדשים וועלן מיר קענען ווייטער מבשר זיין נאך פילע גוטע בשורות, נייע פראיעקטן און נאך גרעסערע הצלחות, לתפארת התורה, החינוך והקהילה אין גרינוויל.